בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזּוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע**


תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
**181 Huschke Road**
**Liberty NY 12747**

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**1-718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**1-845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
**1-845-243-0563**

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
**1-718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**1-347-733-7551**

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

### חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס בּוּזֶשׁעוֶועט?..............א

מֶעג מֶען הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן?..............................................................ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאַדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען?..........................................................ד

וָואס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ רָשָׁע? ...............ו

וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?.............ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיינֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְן דַאוְונֶען?............ט

מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען?.........................יב

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְרוֹימֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת........................................................................................א

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס זָאל זִיךְ רוּקְן .........ב

דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן קָארָאנֶע.........ד

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס ........................ה

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ דַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס..........................ז

אִיךְ הָאף צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג..........................................ח

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען ..........ח

אַ רְפוּאָה פַאר אַ נֵייעֶ מַחְלָה, אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ..........י

רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן .....יא

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט קֶען מֶען טוּן ...........................יא

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר הַאלְטְן צוּזַאמֶען ........................ יג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן אַייעֶר קִינְד ........................ יח

זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר ........ יט

מִיטְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים טוֹישְׁט מֶען דִי טֶבַע ........ כ

וָואס צוּ לֶערְנֶען וֶוען דִי כּוֹלְלִים זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט ........................ כא

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי ........................ כב

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת אוּן פַארְלִיר נִישְׁט דַיין מוּט ........ כג

קוּם צוּרִיק צוּ מִיר אוּן אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל ........................ כד

לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ ........ כה

מֶען דַארְף זִיךְ אָנְהוֹיבְּן גְרֵייטְן אוֹיף אוּמַאן ........................ כו

מַאךְ אַ פְּלַאן וֶוען דֶער גוֹרָל וֶועט פָארְקוּמֶען ........................ כז

בָּרוּךְ ה' אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. ........................ כז

מְ'הֶעלְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה ........................ כח

אַז מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אִין גַּן עֵדֶן ........................ כט

קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע דִיר ........................ ל

אַלֶעס לָאזְט מֶען דָא אִיבֶּער, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיבְן ........................ ל

אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד ........................ לא

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל ........................ לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס בּוּזֶשׁעוֶועט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ אִידְן וָואס גֵייעֶן לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ גֶעפֶערְלִיכֶער פַּחַד; וָואס דַארְפְן מִיר טוּן אִין אַזַא צַייט? אִיז בִּכְלַל דָא עֶפֶּעס צוּ טוּן? אֶפְשָׁר דַארְף מֶען גוֹזֵר תַּעֲנִית זַיין?

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אַזַא צַייט? אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵּק דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס פְרֶעגְסְטוּ צִי עֶס אִיז בִּכְלַל דָא עֶפֶּעס וָואס צוּ טוּן? אַוַדַאי אִיז דָא וָואס צוּ טוּן, מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן! יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן. וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַלֶעס נָאר אוּנְז אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז דִי צָרָה קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; עֶס אִיז אַ טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל.

וֶוער עֶס זָאגְט אַז דִי קָארָאנֶע קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אִיז אַן אַכְזָר, אַ רוֹצֵחַ;

ווייל אַז מֶען טוט נישְׁט תְּשׁוּבָה, מֶען קוקְט דָאס אָן ווי אַ זַאך וָואס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין - וֶועט מַאכְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען נָאך צָרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ווי מֶעג אַ אִיד פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, צִי עֶס אִיז דָא וָואס צוּ טוּן? אַוַדַאי אִיז דָא וָואס צוּ טוּן, מִיר דַארְפְן טוּן תְּשׁוּבָה טוּן. דִי תּוֹרָה זָאגְט (רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, פֶּרֶק א) וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה דַארְף מֶען וויסְן אַז דָאס אִיז צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי ווי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָהוּ ה, כה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת הָאט דָאס אַלֶעס גֶעבְּרֶענְגְט און אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע גוּטְס, און דֶער וָואס זָאגְט: "מִמִּנְהַג הָעוֹלָם אֵרַע לָנוּ, וְצָרָה זוֹ נִקְרָה נִקְרֵית", דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן דִי וֶועלְט, עֶס פַּאסִירְט אַזוֹי וְכוּ', "הֲרֵי זוֹ דֶּרֶךְ אַכְזָרִיּוּת, וְגוֹרֶמֶת לָהֶם לְהִדַּבֵּק בְּמַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים", אִיז אַן אַכְזָר, "וְתוֹסִיף הַצָּרָה צָרוֹת אֲחֵרוֹת", און דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען חַס וְשָׁלוֹם נָאך צָרוֹת, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כז, כז-כח): "וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי בְּקֶרִי, וְהָלַכְתִּי עִמָּכֶם בַּחֲמַת קֶרִי", אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען צָרוֹת - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - און אִיר וֶועט זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין, וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ צָרוֹת.

דֶערִיבֶּער אַז מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא צַייט דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער מִתְבּוֹנֵן זַיין וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן און זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט נִיסִים; דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע און אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְלוֹת מִיט וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער מוּטְשֶׁען זִיךְ וֶועט אַוֶועק גֶענוּמֶען וֶוערְן פוּן אוּנְז, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת טו, כו): "כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי

הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶועֶרע קָארָאנֶע צַייטְן מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי אַלְבּוּמְס "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה" אוּן דִי אַנְדֶערֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה - אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מִיר מַמָשׁ מְחַיֶ' אוּן גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן, אָן דִי נִיגוּנִים וֶוער אִיךְ מַמָשׁ פַארְטְרוּקְנְט אוּן פַארְגְלִיוֶוערְט, מֶעג אִיךְ עֶס הֶערְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִין דִי סְפִירָה טֶעג הַאלְטְן מִיר אֲבֵילוּת אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא", פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעהַאט, "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", אוּן אַלֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין אֵיין צַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶועזְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וִויסְט פוּן תּוֹרָה.

אָבֶּער עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה מֶעג הֶערְן שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר זִיךְ מוּזִיק, זִיךְ אוֹיף צוּ לֶעבְּן; בִּפְרַט נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִין אֱמוּנָה, עֶס גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען הֶערְט דָאס קֶען מֶען הֶערְן פַאר זִיךְ מוּזִיק.

בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הֶערְן מוּזִיק, לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג): "טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ, שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר אִיז גוּט צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר פַארְעֶכְטְן אִין דִי טֶעג דֶעם עִנְיָן פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן; אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן; זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, מִיט בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק, הָאט זִיךְ מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד. אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער כִּמְעַט נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט קַיין גְמָרָא, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא יֶעדֶע נַאכְט, אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען גֶעהֶעריג, זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶעקְס מַסֶכְתּוֹת, אָבֶּער קַיין אֵיינְס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן.

בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ הָאבּ מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן, אוּן דֶעם שַׁבָּת גֵיי אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' פְּרַאוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת בְּרָכוֹת!

אִיךְ בִּין שׁוֹין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶנְדִיג אַ מַסֶכְתָּא פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל. אִין צוּגָאבּ צוּ דֶעם וָואס אִיךְ זָאג תְּהִלִים יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ מֵפִיץ וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אוֹיךְ סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה!

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם בְּרִיוו וְכוּ'.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז נִישְׁט מַיין דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דָאס אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער יְיַשֵּׁר כֹּחַ קוּמְט זִיךְ פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר מוֹהֲרַנַ"ת וָואס הָאט דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר דִי וֶועלְט.

וֶוער עֶס הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר אִים אַ נֵייעֶ וֶועלְט; מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִין אָנְהֵייבּ וָואס מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען וַוייטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען דַארְף עֶס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת. מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל

גֶעוֶועגְלִיךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט וְויל מֶען פַארְשְׁטֵיין און אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וֶוערט מֶען צֶעבְּרָאכְן און מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען, דֶעריבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וְוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט און מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וְוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, און עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים און זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ רָשָׁע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס מֵיינְט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג) אַז מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען דֶער רָשָׁע זִינְגְט נִיגוּנִים זִינְגְט עֶר נִיגוּנִים פוּן נִיבּוּל פֶּה, יֶעדֶע נִיגוּן וָואס עֶר זִינְגְט אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען

מֶען הֶערְט אַ רָשָׁע זִינְגֶען אִיז דָאס שְׁוֶוער פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, נָאכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע דִיבּוּר, מֶען זִינְגְט מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע נִיגּוּנִים - בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ג) : "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגּוּנִים פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִיגּוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד זִינְגְט זַיינֶע נִיגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, פוּן הִתְחַזְקוּת, פְּסוּקִים גֶעפְלָאכְטְן פוּן בִּטָחוֹן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ נִיגּוּנִים מֶען הֶערְט, עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַאר׳ן מֶענְטְשׁ.

נִישְׁט נָאר בַּיי נִיגּוּנִים דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן, נָאר מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט. וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אַפּוֹטְרוֹפּוֹס, הֲלָכָה ג) נִישְׁט נָאר אַ נִיגּוּן פוּן אַ רָשָׁע שַׁאדְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר אֲפִילוּ סְתַּם הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן אַ רָשָׁע אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מג) : "הַדִּבּוּרִים שֶׁל רָשָׁע שֶׁהוּא בַּר דַּעַת מוֹלִידִים נִאוּף בְּהַשּׁוֹמֵעַ", עַיֵּין שָׁם, וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ רָשָׁע, אֵיינֶער וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען עֶר שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אוֹיךְ פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְן ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אִיךְ הָאבּ ב"ה גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ שַׁ"ס - אַלֶעס

אִין אַייעֶר זְכוּת.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ פְּרוּבִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס אַיינְצוּהַאלְטְן, אָבֶער עֶס קֶען זִיךְ אַמָאל מַאכְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, אוּן דִי קִינְדֶער וֶוייסְן פוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי מִיר אוֹיפְצוּרֶעגְן, בָּרוּךְ ה' אַז עֶס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפְט, אָבֶער עֶס קֶען גֶעשֶׁען אַז אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן אוּן שְׁלָאגְן. אִיז מַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען נָאכְדֶעם, וִוי אַזוֹי דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן, זָאל אִיךְ זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן? זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן נִישְׁט רִיכְטִיג? וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דָאס?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן בַּאקוּם אִיךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִין לֶעבְּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, עֶס אִיז נָאר אוֹיסְצוּבְלָאזְן דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוְון; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן פַארְלוֹירְן קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ שְׁוֶוערֶע בַּאנְק אוּן דֶער מְלַמֵּד זַיינֶער אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אוּמְגֶעדוּלְדִיג, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּכַעַס אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם חַיִּימְ'ל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוֹיפְ'ן בַּאנְק וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף זַיין פוּס, עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִינְגֶען דֶערוֹיף אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם בַּאנְק?!" שְׁפֶּעטֶער וֶוען חַיִּימְ'ל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין טַאטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין חֵדֶר, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַארְוֵוייטָאגְטֶע פוּס כָּל יָמָיו.

נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז פַארְלוֹירְן אָדֶער

אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִקְדֻשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי שְׁלָאגְן וֶוען מֶען אִיז מֵיד וְכוּ'.

אִין פַאל מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁל פַארְ'ן קִינְד, וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן אָן קַיין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אָדֶער פוּן כַּעַס אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִינוּךְ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר דִי כַּעַס אוּן דִי נֶערְוְון זָאגְן אוּן רֶעדְן אֵיין דֶעם מֶענְטְשׁ: 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פְּרַאסְקֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאב אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאב גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיינֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְן דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר פִיל חִיזּוּק אִין לֶעבְּן.

מַיינֶע טֶעכְטֶער זֶענֶען ב"ה זֵייעֶר וואוֹיל, זֵיי פָאלְגְן, זֵיי הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר. עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ הֵיימִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן בַּיי אוּנְז הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ אַלֶעמָאל גֶעדַאוֶועְנְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת

הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן דַאוֶועָנֶען, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק און אַ חַיוּת. ווִי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת. פַאר מַיינֶע טֶעכְטֶער פַאלְט אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט אַיין צוּ דַאוֶועָנֶען, אֲפִילוּ אִין דֶער וָואכְן, זֵיי וֵוייסְן אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶועָנֶען און שׁוֹין.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב עֶס פֶעלְט זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אָדֶער וֵוייסְן זֵיי פָּשׁוּט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָדֶער אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ דֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט רִיכְטִיג, אֶפְשָׁר דַארְפְן זֵיי טַאקֶע גָארְנִישְׁט דַאוֶועָנֶען.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף צוּ בַּאהַאנְדְלֶען דִי זַאךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַמָאל אַז גֶעוֶוען אַ אִידֶענֶע וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רָב מִיט אַן עֶנְלִיכֶע בַּקָשָׁה וָואס אִיר הָאט, זִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס בַּיי אִיר אִיז אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי אִיר מַאמֶע, בַּיי אִיר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וַואקְסְן אִין גָארְטְן אוּנְטֶערְן שְׁטוּב טָאמַאטֶעס, אִיגֶערְקֶעס, פָּאפְּרִיקֶע וְכוּ', עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי פְלֶעגְט מֶען גֵיין אַרוֹיס נֶעמֶען פְרִישֶׁע גְרִינְס, מֶען פְלֶעגְט זִיךְ מַמָּשׁ דֶערְקְוִויקְן, בַּיי מִיר - וֵויינְט דִי פְרוֹי - וַואקְסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גְרִינְס; זִי הָאט גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן אַן עֵצָה. הָאט דֶער רָב אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם פְלֶעגְט פְלַאנְצְן, זִי הָאט גֶעאַקֶערְט, גֶעזֵייט און בַּאוַואסֶערְט, אִיז נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פֵיינֶע גְרִינְס, אַז אִיר ווִילְט הָאבְּן פֵיינֶע גְרִינְס זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאפְלַייסְן מִיטְ'ן פְלַאנְצְן וְכוּ' וֶועט בַּיי אַייךְ אוֹיךְ וַואקְסְן".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען צוּ זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אִיז דָא וֵוייכֶע עֶרְד און הַארְטֶע עֶרְד, אַזוֹי אִיז מִיט קִינְדֶער. יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, בַּיי אֵיינֶעם זֶעט מֶען שְׁנֶעלֶער דִי פֵּירוֹת און בַּיי אַ צְוֵוייטְן נֶעמְט דָאס אַבִּיסְל לֶענְגֶער, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער, אַז מֶען אַקֶערְט און מֶען פְלַאנְצְט זֶעט מֶען

שײנע פֵּירוֹת.

קינדער דאַווענען נישט פון זיך אַליין, מען דאַרף זיי זאָגן איין מאָל און אַ צווייטע מאָל, אַ דריטע מאָל, טויזנט מאָל איז ווייניג געזאָגט - ביז זיי הייבן אָן דאַווענען פון זיך אַליין. אייער מאמע האט אין אייך אַריין געלייגט אַ גוטע חינוּך, זי האָט אייך מחנך געווען צום דאַווענען, דאס דאַרפט איר נאָכמאַכן; איר דאַרפט רעדן מיט די קינדער, זיי זאָגן: "יעצט דאַרף מען דאַווענען"; די קינדער ווילן מן הסתם נישט הערן ווי איר רעדט צו זיי, זיי ווילן זיין פאַרנומען מיט זייערע זאכן; איינער מיט ליינען, אַ צווייטער מיט שפּילן, אַזוי ווי די געזונטע נאטור ביי קינדער איז, אַז זיי הערן נישט, זאָלט איר דאס נאָכאַמאָל זאָגן, מיט אַביסל אַ העכערע קול, ביז זיי ווילן זען אַז מען דאַרף פאָלגן און זיי ווילן דאַווענען.

עס איז בכלל נישט קיין שאלה צו מיידלעך דאַרפן דאַווענען, אַוודאי דאַרפן מיידלעך דאַווענען, חכמינו זכרונם לברכה זאָגן (בְּרָכוֹת כ:): "וְחַיָּבִין בִּתְפִלָּה", פרויען זענען מחויב צו דאַווענען; און אַז זיי ווילן נישט דאַווענען דאַרפט איר נישט ווערן פאַרלוירן, נאָר זיי זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ביז זיי ווילן דאַווענען און אויסוואַקסן ערליכע אידן.

ווען איר צינדט אָן די שַׁבָּת ליכט זאָלט איר בעטן דעם אייבערשטן מיט די הענט אויפ'ן פָּנים, איר זאָלט נישט שוינען קיין טרערן; בעטס:

"הייליגער באַשעפער איך דאַנק דיר פאַר מיין לעבן, פאַר מיין מאַן, פאַר מיינע קינדער און פאַר אַלעס וואס דו טוסט מיט מיר.

הייליגער באַשעפער העלף מיר איך זאָל זוכה זיין צו קינדער צדיקים, צו קינדער וואס ווילן דיר דינען, צו קינדער וואס ווילן לערנען און דאַווענען און זיך פירן מיט יראת שמים; טאטע זיסער לייג אַריין אַ זיסע טעם אין מיינע קינדער זיי זאָלן ליב האָבן צו דאַווענען, זיי זאָלן ליב האָבן דעם סידור, זיי זאָלן שפּירן ווי דער סידור איז זייער לעבן, וואס זיי דאַרפן אין לעבן זאָלן זיי נאָר בעטן פון דיר.

נעם אָן מיין געבעט בזכות די הייליגע צדיקים וואס האָבן אַוועק געגעבן זייער לעבן פאַר דיין כבוד ווען, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגֹאֲלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען ?

**שְׁאֵלָה :**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה' עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ אִין שְׁטוּב אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים - אַמָאל אִיז עֶס פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אַמָאל שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, זוּכְן זֵיי מִיט וָואס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן. עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ מַאגַאזִינֶען פוּן אוֹיסְגַאבֶּעס פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁרַייבֶּער סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב עֶס אִיז גֶעזוּנְט אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע סָארְט לֵיין מַאטְרִיַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ וָואס פַאר אַ סָארְט.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים אוּן לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אִיז דָא וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט זֵיי. צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן אִיז גוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפְּלֵייגְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן קֶענֶען דִי קִינְדֶער מִיט שְׁמוּעֶסְן, אַז מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן נֶעמְט מֶען זֵיי מִיט אוֹיפְ'ן שְׁפַּאצִיר וְכוּ׳, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט שֵׁיין צוּזַאמֶען, וְכוּ׳.

הַיינְט זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער אִין אַלֶע יָארְגֶענְג; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען, עֶנְדֶערְשׁ אוּן בֶּעסֶער ווִי זֵיי אָנְשְׁטָאפְּן מִיט דִי זַאכְן.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט דַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל נָאר פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן צַדִיקִים;

עֶר לֵיינְט נִישְׁט קַיין שׁוּם צַייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְרוֹימֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א׳, עֶרֶב פֶּסַח, י״ד נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט יֶעצְט פוּן שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיוו, אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב יוֹם טוֹב, בַּאלְד וֶועלְן מִיר מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן פַארְבְּרֶענֶען דֶעם חָמֵץ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִינֶעם יְהִי רָצוֹן: ״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, כְּשֵׁם שֶׁאֲנִי מְבַעֵר חָמֵץ מִבֵּיתִי וּמֵרְשׁוּתִי כַּךְ תְּבַעֵר אֶת כָּל הַחִיצוֹנִים וְאֶת רוּחַ הַטּוּמְאָה תְּבַעֵר מִן הָאָרֶץ וְאֶת יִצְרֵנוּ הָרָע תְּבַעֲרֵהוּ מֵאִתָּנוּ וְתִתֶּן לָנוּ לֵב בָּשָׂר, וְכוּ׳״, לֵייג צוּ צוּם תְּפִילָּה דַיינֶע אֵייגֶענֶע בַּקָּשׁוֹת.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט צַייט הַיינְט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מֵאוֹסְטְרָאפָּאלְיָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו עֶרֶב פֶּסַח אוּן אוֹיךְ בְּמֶשֶׁךְ אַ גַאנְצְן יוֹם טוֹב. צוּם סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם בְּרִיוו: ״מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּנָּצֵל בְּאוֹתָהּ שָׁנָה מִכָּל מִכְשׁוֹל וּמִמִּיתָה מְשֻׁנָּה, וְשׁוּם אָדָם לֹא יִמְשֹׁל בּוֹ, וְכָל אוֹיְבָיו יִפְּלוּ תַּחְתָּיו, וּבְכָל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַצְלִיחַ וּבְכָל עֲסָקָיו יַרְוִיחַ״, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

און עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים; דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט אִין הַגָּדַת אוֹר זָרוּעַ.

אִיךְ בִּין אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף פֶּסַח קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ וֶועל זַיין גַאנְץ פֶּסַח אִין בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטֶעטְל; נָאךְ פֶּסַח וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' צוּרִיק קוּמֶען קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**גֶעב נִישְׁט אוֹיף אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס זָאל זִיךְ רוּקְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי ב', ג' דְחֹל הַמּוֹעֵד, י"ט נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חוֹל הַמּוֹעֵד שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶס אַ דְבַר הָאָבֵד מֶעג מֶען יָא שְׁרַייבְּן; הֱיוֹת עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ גְרֶעסֶערֶער דְבַר הָאָבֵד וִוי אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג אָן לֶערְנֶען און אָן דַאוֶונֶען וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער דִיר צוּ מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹות; אוֹיסְרוּמֶען דִי חָמֵץ, עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, טְרִינְקֶען דִי ד' כּוֹסוֹת און אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹות און מִנְהָגִים. דָאס וֶועט אוּנְז אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. סַיי פִיזִישׁ; מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה און סַיי גֵייסְטִישׁ; עֶס וֶועט אוּנְז אוֹיסְקְלָארְן דֶעם מֹחַ, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט, מִיר וֶועלְן נִישְׁט זַיין צֶעמִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רוּפְט אָן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה.

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן בַּיי דִיר וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵיין אַרִיבֶּער דִי טֶעג און יָארְן

און דו שְׁטֵייסְט נָאךְ אַלְץ בַּיים זֶעלְבְּן פְּלַאץ, דו רִירְסְט זיךְ נִישְׁט קַיין הָאר אִין קְדוּשָׁה; נִישְׁט נָאר דו גֵייסְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה נָאר דו וֶוערְסְט אַלְץ וַוייטֶער און וַוייטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן און אוֹיפְגֶעבְּן, דֶערְמַאן זיךְ פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל; גִּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דו גְלֵייבְּסְט אַז דו קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אַז דו קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי נָאכְאַמָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי דַאוֶוענֶען און הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מַאךְ זיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, אִין מִשְׁנַיוֹת און דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְּמָרָא. אֲפִילוּ דו פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דו לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וִויל דִיר דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם בְּלַאט גְמָרָא, הַיינְט אִיז דֶער דַף שַׁבָּת לח; כַאפּ זיךְ מִיט, נֶעם יֶעצְט אַ גְמָרָא און זָאג דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דָאס וֶועט דִיר רַייךְ מַאכְן.

אִיךְ גֶעפִּון זיךְ יֶעצְט אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, עֶס אַז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ; אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ מֵיין אִיךְ נִישְׁט דִי פָּאנָארַאמֶע, אִיךְ מֵיין דָאס לֶעבְּן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דָאס אַחְדוּת, דָאס לִיבְּשַׁאפְט, דָאס תְּמִימוּת, דָאס רֵיינְקֵייט - מַמָּשׁ אַ חָלוֹם, עֶס זָאל זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אַ וִוינְקֶל וואוּ מֶען הָאט זיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וואוּ מֶען לֶעבְּט אָן לֵיצָנוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת, מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, יֶעדֶע דִיבּוּר פון רֶבִּי׳ן אִיז אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ אַזַא נַחַת צו זַיין דָארְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ וֶועל זַיין דָארְט אוֹיךְ אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע טֶעג, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**דורךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פון קָארָאנֶע.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי ב׳, כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תש"פ

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט אַוַדַאי גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, אַז דִי רֶעגִירוּנְג לָאזְט נִישְׁט צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי חֲדָרִים בִּיז נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ פֶּסַח און עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי וֶועלְן דָאס פַארְלֶענְגֶערְן; מִיר דַארְפְן וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל בָּטֵל וֶוערְן, וַוייל דִי גְזֵירָה אִיז אַן עֶרְגֶערֶע גְזֵירָה וִוי דִי גְזֵירָה פון קָארָאנֶע.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דָאס לֶערְנֶען פון דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פון הִימְל וָואס וִויל חָרוּב מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דֶעם מַלְאָךְ "הַאלְט!" קוּם צוּרִיק און מַאךְ נִישְׁט חָרוּב; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דָאס לֶערְנֶען פון דִי רֵיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל בָּטֵל וֶוערְן, מֶען זָאל צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי חֲדָרִים און יְשִׁיבוֹת בְּקָרוֹב.

מִיר וֶועלְן וַוייטֶער טֵיילְן עֶסְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג סֵיי פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ, סֵיי פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ און אוֹיךְ פַאר דִי בָּחוּרִים; פון מָארְגְן - זוּנְטָאג - וֶועט מֶען טֵיילְן יֶעדְן טָאג עֶסְן. דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים וֶועלְן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע טִיטְשֶׁערְס וֶועלְן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ און אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ טֵיילְן פַאר דִי בָּחוּרִים; דִי זְמַנִים וֶועט זַיין: זוּנְטָאג צֶען אַזֵייגֶער און בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ נַיין אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי.

מִיר הָאבְן אָפְּגֶעשְׁמוּעסְט מִיטְ'ן מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען עֶסְן וֶוען מֶען ווִיל, דִי בִּנְיָן וֶועט זַיין פַארְשְׁלָאסְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג און מֶען וֶועט נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם בִּנְיָן פַאר קֵיינֶעם; מֶען וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן

נָאר פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז נַיין דְרַייסִיג דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ אוּן זוּנְטָאג פוּן צֶען בִּיז צֶען דְרַייסִיג.

פִינְף אַזֵייגֶער וֶועל אִיךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי בָּחוּרִים.

דֶער בְּרִיוו אִיז פְּרִיוַואט פַאר דִיר, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע; וָואס דַארְף מֶען אָנְרֵייצְן אַנְדֶערֶע וָואס בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין עֶסְן וְכוּ'.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מֶען זָאל דָאס אוֹיךְ צוּ טוּן אִין קִרְיַת יוֹאֵל; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיךְ נָאכְטוּן אִין קִרְיַת יוֹאֵל, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן עֶסְן.

זֶע דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ עֶפֶּעס עֶסְן; אָן תּוֹרָה הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין עֶסְן, אָן תּוֹרָה הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט. אָן תּוֹרָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַן אָרֶעמֶער מֶענְטְשׁ, אַ נַאקֶעטֶער מֶענְטְשׁ, אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ. אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי; אַ מְחַיֶ' וֶוען מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן קָארָאנֶע, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעזָאגְט אִינֶעם הַדְרָן אוֹיף יְרוּשַׁלְמִי מַסֶכֶת פְּסָחִים: "שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי בֵית הַמִּדְרָשׁ וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי קְרָנוֹ"ת", דָאס מֵיינְט מֶען דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אוּן רֶעדְן פוּן דִי קָארָאנֶע וֶוייררוּס; קָארָאנֶע אַרוֹיף, קָארָאנֶע אַרָאפּ, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע דָא פַאר אַ שְׁטִיקְל צַייט, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא פַאר אֵייבִּיג.

זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, הָאבּ שֵׂכֶל.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

**פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן

וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָּאלְגְן מִיר נִישְׁט; וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּוס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן עֶרְד מִיט דִי פִּוס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר - אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין פוּן דִי כִּתּוֹת וָואס וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פָּאלְגְן נִישְׁט? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען, דָאס וֶועט וֶועט דִיר אָפְּוָואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶער שִׂיחָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

הֱיוֹת מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי חֲדָרִים אוּן יְשִׁיבוֹת, נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטָאט הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ גְזֵירָה אַז פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ דַארְפְן אַלֶע חֲדָרִים, יְשִׁיבוֹת אוּן מֵיידְל שׁוּלֶעס זַיין פַארְשְׁלָאסְן, וֶועט מֶען טֵיילְן עֶסְן; אִיךְ וֶועל זַיין אִין יְשִׁיבָה אַ גַאנְצֶע וָואךְ הֶעלְפְן טֵיילְן עֶסְן, מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרַיין קוּמֶען אִין בִּנְיָן נֶעמֶען עֶסְן נָאר אִין דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייטְן, מֶען וֶועט נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר קֵיינֶעם אָן קַיין אוֹיסְנַאם; זֶע צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צַייטְלִיךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג.

מִיטְוָואךְ נַאכְט - עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר וֶועט מֶען אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר פְּרוֹיעֶן, סַיי אִין יְשִׁיבָה אוּן אוֹיךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל.

בְּרוּדֶער אִיךְ בֶּעט דִיר: הֵייבּ זִיךְ אוֹיף! הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי! פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי דִיפְּרֶעסְט? וָואס אִיז מִיט דִיר?! בִּיסְט אַרָאפּ גֶעפַאלְן? - הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין אַזַא מָרָה שְׁחוֹרָה, אִין אַזַא דִיפְּרֶעסְיֶע? מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטֶס גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן אַ פַארְרֶעכְט".

אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג נָאכְן וֵויילְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יוֹם טוֹב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ קוּמֶען צוּ דַיין סִיוּם הַשַ"ס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי וָואכְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעזֶען דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ סַיי אִין לֶערְנֶען - דוּ גֵייסְט בְּקָרוֹב מַאכְן אַ סִיוּם הַשַ"ס; אִיךְ נֶעם אָן דִי אַיינְלַיידֶענוּנְג, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ קוּמֶען צוּם סִיוּם. אַזוֹי אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ אִין דַיין בִּיזְנֶעס.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

...

**אִיךְ הָאף צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ שְׁטְרֶעבּ צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג; צוּ זֶען דַיין לֶעבְּן זָאל זַיין נָאר מִיט תּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיכְטִיגֶער לִיבֶּער זוּן ...., לֶערְן פְלַייסִיג, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. גֵיי אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיינֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן שְׁטְרֶעבְּן אִיז לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

דַיין טַאטֶע.

...

**אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי וֶועגְן דִי גַאנְצֶע בַּאשְׁרַייבּוּנְג; זֵיי לוֹיפְן מִיר שׁוֹין נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט אַז זֵיי ווִילְן מַאכְן אַן אִינְטֶערְוִויוּ מִיט מִיר אָדֶער מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי קְהִילָה, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶעמָאל אִיגְנָארִירְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט זֵיי אוּן מִיט קַיין שׁוּם מַאגַאזִין. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל שְׁטֵיין וַוייט פוּן צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי.

דָאס וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן בִּשְׁמִי אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז נִישְׁט אֱמֶת; מִיר אַלֶע בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער קַיין אוּמַאן אַלֶע יָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט):

"אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאוּוִיסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה פַאר צְוֵויי וָואכְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען כַּשֶׁר'ט דֶעם קָאךְ לְכָבוֹד פֶּסַח, אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דִי נֵייעֶס וֶועט דִיר נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטַארְק וֶוען אַלֶע קְרִיגְן אוֹיף אִים, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר אוּן וָואס מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט מִיר".

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ יֶעצְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע זְמַנִים פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ סֵדֶר מִשְׁנָיוֹת נָאר צוּלִיב דֶעם, אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן; אַנְשְׁטָאט זִיצְן מִיטְ'ן טֶעבְּלֶעט אוּן קוּקְן וָואס יֶעדֶער גָאוֶוערְנָאר זָאגְט אוּן וָואס יֶעדֶע פָּאלִיטִישְׁן וָוארְנְט - נֶעם עֶנְדֶערְשׁ דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן זָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, וֶועט בַּיי דִיר מְקוּיָם וֶוערְן: "שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי קְרָנוֹ"ת", דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן

מִיט קָארָאנֶע און נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי קָארָאנֶע, וּבְעִקָר וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁרֶעק און דִמְיוֹנוֹת פוּן דִי קָארָאנֶע וְכוּ׳, וְכוּ׳.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מַגָע וּמַשָׂא מִיט קַיין שׁוּם צַייטוּנְג און מַאגַאזִין, עֶר נֶעמְט זַיין שֵׂכֶל און עֶר לוּפְטֶערְט זִיךְ אוֹיס מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ רְפוּאָה פַאר אַ נֵייעֶ מַחְלָה, אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז בַּיי אַייךְ אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט און אַזוֹי אוֹיךְ אַייעֶר וַוייבּ תִּחְיֶ׳ מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִיז יֶעדֶער גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, אַלֶעס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ און גוּט מוּטִיג; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב, מִיר זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): ״בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם״.

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין אִיזָאלִירוּנְג, מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע, אַלֶע לֶענְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן און אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ גֶעפוּנֶען אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַחְלָה ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען וָואס דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט גֶעזָאגְט (י״א נִיסָן, תשמ״ב) אַז דִי רְפוּאָה פַאר אַ נֵייעֶ מַחְלָה וָואס מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט אַ רְפוּאָה דֶערְצוּ אִיז צוּ נוּצְן דִי סְגוּלָה פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ; זוּנְטָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאֲמַר וִוי מֶען הֶערְט וִוי דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי - דֶער רַיי״ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, צוּ לֶעבְן מִיט דִי פַּרְשָׁה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

...

**רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ לְסֵדֶר טָהֲרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן יֶעדְן פְּלָאנְטֶער, דִי עֵצָה הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט׳עֶ שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

זוּךְ דִיר יֶעצְט אוֹיף אַ ווִינְקֶעלֶע אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווִי לַאנְג נָאךְ? ווִי לַאנְג וֶועל אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען? אִיךְ ווִיל שׁוֹין זֶען לִיכְטִיגְקֵייט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער".**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ דָאס לֶעבְּן וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז הִימְל אוּן עֶרְד דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען אָטֶעמֶען; "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳ (תְּהִלִּים לד, ט)", פְּרוּבִיר דָאס אוֹיס, זָאג אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר שׁוֹין וֶוערְן אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ אִין דִי מִינוּט גְרִינְגֶער; **"טַאטֶע הֶעלְף מִיר!! טַאטֶע הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר"!**

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֵיינְסְט מַיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן דִיר צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ ווִיל דִיר נִישְׁט לָאזְן פַּאלְן, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

...

**אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט קֶען מֶען טוּן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֲרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן; חַזֵר זִיךְ אֵיין: ׳דֶער

אײבּערשטער איז דאָ מיט מיר, דער אײבערשטער איז בּײ מיר און נעבּן מיר, דער אײבּערשטער װעט מיר נישט פאַרלאָזן', װעסטו זען װי אַלעס װעט זיך טוישן בּײ דיר.

זאָג נישט: 'מען דאַרף טון וכו', וכו''; דער הײליגער רבּי נתן פלעגט זאָגן: "די װעלט זאָגט 'אַז מען טוט העלפט דער אײבערשטער', איך זאָג פאַרקערט 'אַז דער אײבערשטער העלפט קען מען עפּעס טון''; מען קען גאָרנישט טון אָן דעם אײבערשטן, מען קען נישט רירן קײן אבר אָן דעם אײבערשטן, איז װאָס איז שײך צו זאָגן: "מען דאַרף טון וכו', וכו''?

רבּי נתן זכרונו לברכה האָט געזאָגט: "װען אַ מענטש האָט אמונה אינעם אײבערשטן איז ער זוכה אַז עס עפענען זיך אויף פאַר אים אַלע הימלען, אַזױ װי עס שטײט בּײ יחזקאל הנביא (יְחֶזְקֵאל א, א) װאָס ער האָט זוכה געװען צו: 'נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם, וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים'', די ראשי תיבות פון נ'פתחו ה'שמים ו'אראה מ'ראות א'להים איז 'אמונה'; דאָס הײסט, אַז װען אַ מענטש איז זוכה צו האָבן אַ רײנע אמונה, ער גלײבּט אַז אַלעס איז דער אײבערשטער, און סײ װאָס עס גײט אַריבּער אויף אים װײסט ער אַז אַלעס איז דער אײבערשטער, איז ער זוכה צו אַלע מדריגות.

דער אײבערשטער זאָל אונז שוין שיקן משיח װאָס װעט אַרײן בּרענגען אַזאַ ליכטיגקײט אין די װעלט אַז יעדער אײנער װעט שפּירן װי דער אײבערשטער איז מיט אים, בּײ אים און נעבּן אים; אַנשטאָט זײן פאַרנומען אַז 'מען דאַרף טון', 'מען דאַרף מאַכן', 'מען דאַרף טון השתדלות' - װעט מען רעדן נאָר פונעם אײבערשטן, מען װעט רעדן צום אײבערשטן - יעדער אײנער װאָס ער דאַרף, אַזױ װי עס שטײט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; און יעדער װעט זען דעם אײבערשטן, אַזױ עס שטײט (יְשַׁעְיָהוּ נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

דער אײבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הצלחה אין אַלע ענינים.

...

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר הַאלְטְן צוּזַאמֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר,**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעטְרוּנְקֶען הָאסְטוּ גֶערֶעדְט צוּ מִיר זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט וְכוּ', וְכוּ'; אִיךְ וִויל דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר אוּן דָאס אוֹיסְקְלָארְן כְּדֵי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דַיין וֵוייטָאג.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים; בַּיי מִיר זֶענֶען אַלֶע אֵיינִיג, אַלֶע טַייעֶר. דוּ הָאסְט מִיר אַרַיינְגֶעזָאגְט אִין אוֹיעֶר נֶעמֶען פוּן תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף מִיר, זֵיי טַעְנָה'ן אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע "אַלְטֶע" רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט; וַוייל אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן אַמָאל קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין פַארְוֵוייטָאגְט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ בִּין דָאךְ אַנְדֶערְשׁ; נָאר אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז מֶער אַ גֶעפִיל זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען וֶוערְט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם עוֹל פוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דֶער גַאנְצֶער קָאפּ אוּן מֹחַ לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, אוּן וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן דִי דִיבּוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אִיז דָא אַסַאךְ מָאל וָואס מֶען וֶוערְט צֶערִיסְן בַּיי זִיךְ; אָדֶער וֶוען מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַ גְלַאנְצִיגֶע טֶעבְּלֶעט אָדֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן מֶען וֶוערְט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם מֶער אוּן מֶער, אוּן מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ צוּ שְׁפִּירְן צֶערִיסְן. אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן שְׁרֵייעֶן: 'וָואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?!' אִיז גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן: "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה", "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹהֲרָא"שׁ", "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען גוּטֶע צַייטְן".

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., לְדַעְתִּי הָאט זִיךְ דִי יְשִׁיבָה נִישְׁט גֶערִירְט קַיין מַשֶּׁהוּ פוּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט; דִי יְסוֹדוֹת פוּן יְשִׁיבָה: "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה", "שְׁמִירַת הַבְּרִית", "שִׂמְחָה", "חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ", "שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת" - דָאס אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער פוּנְדַאמֶענְט, אוּן יֶעדֶער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אִיז חָקוּק בִּפְנִימִיּוּת לְבָבִי לְטוֹב, בִּפְרַט דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן לֵייגְן דֶעם גְרִינְד פַאר דִי יְשִׁיבָה, זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר נָאךְ מֶער חָשׁוּב.

דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט מֶער זַאכְן וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר וִוי

אַמָאל, דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל זַיין בַּאגְרֶענִיצְט אִין צַייט; עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ אִיךְ זֶע נִישְׁט אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן אֵיינֶעם - וָואס אַמָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה נָאר פּוּפְּצִיג בָּחוּרִים, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען וְכוּ׳ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי צַייט אִים נָאכְצוּלוֹיפְן אוּן מְפַיֵּיס זַיין וְכוּ׳, אָבֶּער הַיינְט קוּם אִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ וָואס אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען מִיט דִי חֵדֶר, סְקוּל, יְשִׁיבָה, כּוֹלֵל, הַדְפָּסָה, וּבְעִקָּר שְׁאֵלוֹת וָואס אִיךְ דַארְף עֶנְטְפֶערְן פַאר תַּלְמִידִים וְכוּ׳, וְכוּ׳; דָאס גֶעט אַן הַרְגָּשָׁה פַאר גֶעוִויסֶע וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה - וִוי כְּאִילוּ מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט.

אִין אֱמֶת׳ן אַרַיין וָואס דַארְף אִיךְ דָאס בִּכְלַל שְׁרַייבְּן? נָאר עֶס שְׁטֶערְט מִיר אוּן עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט זֶענֶען פַארְוֶוייטָאגְט פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ ווייס נִישְׁט אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פְּשַׁט.

אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין דוּרְךְ וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן מֵיין וֵוייטָאג, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶּענֶען אַ שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי; פַארְוָואס זָאלְן זַיין תַּלְמִידִים וָואס זָאלְן מִיר זוּכְן צוּ בַּאגְרָאבְּן אוּן הֶעצְן, חוֹזֶק מַאכְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דֶעם? פַארְוָואס זָאלְן זַיין אֵיינְצֶעלְנֶע וָואס הָאבְּן פַיינְט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען דָארְט? וָואס זָאל אָנְגֵיין אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת קְלֶעצֶער, נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אַ מִדְבָּר? אֵיינֶער הָאט אֵיינֶעם בַּאצְווּנְגֶען אַהִין צוּ גֵיין וואוֹינֶען?! וָואס זָאל אָנְגֵיין אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן אָן שֵׂכֶל וָואס דַארְפְן פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה? פַארְוָואס דַארְף דָאס שְׁטֶערְן? פַארְוָואס וֶוען אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם וְכוּ׳ הָאט אִיר נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ רֶעדְן נָאר חוֹזֶק מַאכְן פוּן שְׁטֶעטְל מֶענְטְשְׁן?!

אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס אַלֶעס אִיז וַוייל מֶען וֶוערְט צֶערִיסְן בַּיי זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט אַז "אוֹי לִי מִיִּצְרִי", פוּן אֵיין זַייט שְׁלֶעפְּט דֶער יֵצֶר הָרָע צוּ שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין, "אוֹי לִי מִיּוֹצְרִי", אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוּן זִיךְ לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וֶועט מֶען דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס מָאנְט, וָואס קִיצְלְט אוּן לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר; אִיךְ ווִיל נָאר גוּטְס, אִיךְ ווִיל נָאר שָׁלוֹם; אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זִיצְן מִיט תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן, זֵיי מַאכְן נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען גֵייט זִיךְ דִי אֵייגֶענֶע וֶועג, מֶען

לֶעבְּט זִיךְ דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן; דָאס אִיז וָואס אִיךְ ווִיל אוּן דָאס אִיז מַיין שְׁטְרֶעבְּן.

דֶער שְׁטֶעטְל קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב אִיז מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אַ פַּאקְט; דָאס וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וואוּ מֶען וֶועט מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַזוֹי ווִי מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעוָואלְט; קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט אַהִין קוּמֶען וואוֹינֶען, דִי מוֹסְדוֹת אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג בְּלַייבְּט אָפְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ וַוייטֶער בּוֹיעֶן אוּן בְּלִיעֶן. בְּלַייבְּט אִיבֶּער דִי קַשְׁיָא וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיפְ'ן שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, "מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא יֵדַע אֶחָד עִקַּר כַּוָּנַת חֲבֵרוֹ", וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן? וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? אִיךְ ווִיל אַייךְ נִישְׁט זָאגְן פַארְוָואס אִיךְ פָּאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן רי).

אִיךְ מַאךְ דִיר פַאר אַ שָׁלִיחַ; הֱיוֹת דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר בִּשְׁלִיחוּת פוּן אַנְדֶערֶע, דַארְפְסְטוּ צוּרִיק גֶעבְּן דִי שְׁלִיחוּת. זָאג אַלֶעמֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיצְט אִין סְקִילְמֶען סְטְרִיט מֵהַבֹּקֶר עַד הָעֶרֶב אוּן וֶוער עֶס ווִיל טְרֶעפְן זַיין "אַלְטֶע" רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען קוּמֶען שְׁמוּעֶסְן אוּן נֶעמֶען חִיזוּק פוּן אִים. וֶוער עֶס וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז צוּ הֶערְן נָאכְאַמָאל: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער", "אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה" - זָאל קוּמֶען אוּן עֶר וֶועט דָאס הֶערְן; שׁוֹין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג זְמַנִּים לְטוֹבָה, פוּן תשס"ט וָואס מֶען הֶערְט דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים.

וֶוער עֶס ווִיל שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין דִי מוֹסְדוֹת וָואס קוּקְן אוֹיפְ'ן עָתִיד, אִין דִי מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, זָאל קוּמֶען; מֶען וֶועט אִים מְקָרֵב זַיין אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוער עֶס הַאלְט אַז מִיר גֶעבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ קֶען שִׁיקְן זַיינֶע קִינְדֶער וואוּ זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט.

בָּרוּךְ ה' עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ פֵיינֶע מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען קֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער, בִּפְרַט אַ מוֹסָד וָואס מֶען בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ זֵייעֶר חֲסִידוּת, וָואס אִין אַ גֶעווִיסֶע זִין אִיז גְרִינְגֶער צוּ שִׁיקְן דָארְט דִי קִינְדֶער, וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אַן אַחְרַיוּת צוּ פַארֶענְטְפֶערְן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִינֶעם מוֹסָד אוּן אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם קְרֶעכְצְן אוֹיפְ'ן מוֹסָד אִיז עֶס גְרִינְגֶער צוּ נֶעמֶען ווִי וֶוען מֶען שִׁיקְט אִינֶעם מוֹסָד וואוּ מֶען גֶעהֶערְט אוּן מֶען הֶערְט אִינְגֶעלַייט זִיךְ אָפְּרֶעדְן, וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען הֶעלְפְן אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען דֶעם מוֹסָד וַוייל מֶען שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע אַלְטֶע מוֹסָד וְכוּ', וְכוּ'.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת;

**וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל גֵיין בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת; אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? אֶפְשָׁר מֵיין אִיךְ אַז אִיךְ וֵוייס, אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי; אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן?"**

דָאס דַארְפְן מִיר וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַן אֱמֶתְ'ן אֱמֶת, מֶען וֶועט לֶעבְן מִיט תַּכְלִית, מֶען וֶועט אַרֵיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא און הַלָכָה וְכוּ', וְכוּ'; מֶען וֶועט הָאבְּן מִיט וָואס צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלְס גוּטֶער פְרַיינְט דַיינֶער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען צוּלִיבּ וָואס מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז עֶר זָאל אוּנְז מְתַקֵן זַיין און אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. מִיר זֶענֶען נִישְׁט דִי וָואס דַארְפְן זָארְגְן פְרֶעמְדֶע זָארְג; מִיר דַארְפְן זָארְגְן פַאר אוּנְזֶער נִצְחִיוּת.

אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעלֶעבְּט דִי פָּאר יָאר וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט וְכוּ' און פְּלוּצְלִינְג זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאגְן פְרֶעמְדֶע זָארְג; זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ פַארֶענְטְפֶערְן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טָאג און נַאכְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן אַ נָאמֶען. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית כה:) שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דֶעם חֵטְא פוּנֶעם דוֹר הַפְּלָגָה (בְּרֵאשִׁית יא, ד): "נַעֲשֶׂה לָנוּ שֵׁם וְכוּ', אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן בָּתֵּי כְּנֵסִיוֹת און בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת זִיךְ צוּ מַאכְן אַ נָאמֶען, נִישְׁט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן. ווִידֶער דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן דֶעם גוּף וָנֶפֶשׁ, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן אִישׁ תַּחְתָּיו, אַל יֵצֵא אִישׁ מִמְקוֹמוֹ, זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן אוֹיף זֵייעֶר פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען און זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, לָאמִיר לֶעבְן מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן, לָאמִיר זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן. לָאמִיר לֶעבְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם און גֶעדֶענְקֶען וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן צוּם חָכָם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָּם): "קוּק צוּ וָואס מַיין תְּמִימוּת הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט און קוּק צוּ וָואס דַיינֶע חָכְמוֹת הָאבְּן דִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט"; נִישְׁט חוּזֶק מַאכְן פוּן אֲנָשִׁים תְּמִימִים, אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים וָואס

רֶעדְן אַסַאךְ פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אַסַאךְ פוּן תְּפִלָּה; גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיט) עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַז עֶר זָאל נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בֶּאֱמֶת שְׁרַייבּ אִיךְ דֶעם בְּרִיוו פַאר מִיר אַלֵיין, אִיךְ אַלֵיין וִויל זִיךְ אוֹיפְּפִרִישְׁן צוּ זַיין אַ תַּם אוּן לִיבּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין, לָאמִיר כָאטְשׁ לִיבּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, לָאמִיר כָאטְשׁ מְקַנֵא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים".

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן אַלֶע אִידְן; אִיךְ טוּ וָואס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן טוּן אוּן אִיךְ דַארְף פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן וָואס אִיךְ טוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פוּן זַיין אִין יְשִׁיבָה דִי צְוֶועלְף יָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כָּבוֹד אוּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דֶעם. דוּ גֶעדֶענְקְסְט וֶוען מֶען הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יְשִׁיבָה מִיט בִּזְיוֹנוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר מְקָרֵב גֶעוֶועןְ אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע - צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאט מִיר מוֹהַרְאַ"שׁ גֶעבֶּעטְן צוּ עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה אוּן שְׁפֶּעטֶער אַ חֵדֶר, אַ סְקוּל, אַ בֵּית הַדְּפוּס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, דָאס טוּ אִיךְ וַוייטֶער מִיט פְלָאג אוּן שְׁוֵייס; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי חַבּוּרוֹת. פּוּרִים וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶועןְ אָנְגֶעטְרוּנְקֶען הָאסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ מַאכְסְט מְסִיבּוֹת מִיט חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נֶעמְסְט זִיךְ צוּזַאם מִיט חֲבֵרִים, אִיךְ הָאף נָאר אַז בַּיי דִי מְסִיבּוֹת רֶעדְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין. אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט פוּן לֵיצָנוּת, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַנְדֶערֶע וְכוּ', וְכוּ' - אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה. עֶס קֶען פַּאסִירְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט קֹרַח וַעֲדָתוֹ, זַיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט חַבּוּרוֹת, זַיי הָאבְּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט גַאנְצֶע נֶעכְט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בִּיז זַיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס, חוּץ אֵיינֶער פוּן זַיי, אוּן בֶּן פֶּלֶת וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אִים

גֶערַאטְעוֶועט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, טו), זִי פְלֶעגְט אִים זָאגְן: "וָואס גֵייט דִיר אָן וֶוער, וָואס און וֶוען? לָאמִיר לֶעבְן אוּנְזֶער לֶעבְן, לָאמִיר לֶעבְן אַן אֱמֶת'ער לֶעבְן".

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְן מֶער וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ; יֶעצְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל צוּלֵייגְן, אִיךְ דַארְף שׁוֹין בַּאלְד לוֹיפְן אִין יְשִׁיבָה.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן אַייעֶר קִינְד.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס אַז אִיר הָאט פַארְלוֹירְן אַייעֶר קִינְד ... עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אִיךְ וִויל דִיר מְנַחֵם זַיין מֵרָחוֹק מָקוֹם: הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, זָאלְסְט נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס; מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין גֶעטְרֵייסְט וֶוערְן, מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען און אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין אֵשֶׁת חַיִל תִּחְיֶ', שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; אֱמֶת עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווִי קֶען אַ מַאמֶע פַארְגֶעסְן פוּן אִיר קִינְד, ווִי קֶענֶען עֶלְטֶערְן זִיךְ טְרֵייסְטְן וֶוען מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד... אָבֶּער מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְלֵייבְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס, און אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז צוּם גוּטְן. מִיר דַאנְקֶען און לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטְס און אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד., ס.): "חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁהוּא מְבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען בַּאקוּמְט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף אִים דַאנְקֶען אוֹיף דָאס גוּטְס, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קא, א): "חֶסֶד וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה, לְךָ ה' אֲזַמֵּרָה", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר חֶסֶד און אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר מִשְׁפָּט; נָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שָׁם נו, יא): "בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר, בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר גוּטְס

דַאנְק אִיךְ אִים, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט צוּ מִיר מִיט מִידַּת אֱלוֹקִים, דָאס אִיז דִינִים – דַאנְק אִיךְ אִים אוֹיךְ; אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט (שָׁם קטז, יג): "כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא, וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא", וֶוען דוּ גֶעבְּסְט מִיר יְשׁוּעוֹת דַאנְק אִיךְ דִיר, (שָׁם, ג-ד): "צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא, וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא", אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מִיר אַ צָרָה שְׁרֵיי אִיךְ צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק טְרֵייסְטְן אוּן אוּנְז אַלֶע טְרֵייסְטְן, מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

...

**זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין חֵדֶר, אַלֶע חֲדָרִים זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן פַארְשְׁפַּארְט – דָאךְ לֶערְנְסְטוּ אַסַאךְ גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט – דָאךְ לֶערְנְט מֶען, מֶען זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא.

זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דִי תּוֹרָה גְלַייכְט צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְכִילְתָּא פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, פָּרָשָׁה ח): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר אוּן מִיר מְכַבֵּד זַיין", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר.

...

**מִיטְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים טוּישְׁט מֶען דִי טֶבַע.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע וָואלְטְן אַלֶע נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הַפָּצָה. אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, רֶעדְן מִיט פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ - בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.**

**בְּנוֹגֵעַ הֶערְן מוּזִיק אִין דִי סְפִירָה טֶעג; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים** (סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב) **אַז מֶען מֶעג הֶערְן מוּזִיק פַאר זִיךְ, בִּפְרָט אוֹיבּ מֶען ווִיל בְּעִיקָר הֶערְן דִי נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, מֶען הֶערְט 'טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה', מֶען ווִיל דִי חִיזוּק - מֶעג מֶען הֶערְן.**

**דָאס וָואס אִיר הָאט מוֹרָא וְכוּ', אִיר דֶערְמַאנְט זִיךְ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אִיר הָאט גֶעהַאט דֶעם פָארִיגְן קִינְד, ווִי אַזוֹי דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן זִיךְ בַּאנוּמֶען מִיט אַייךְ, אִיר וֶוערְט אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דָאס וָואס אִיר זֶענְט דֶעמָאלְט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ'; נֶעמְט דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס בֶּעטְן אַ בְּרָכָה צוּ הָאבְּן גְרִינְג, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ) **: "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.**

**דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶוויינִיג, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִילָה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי**

הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוועזן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

אוֹיף דִי פְּרַאגֶעס וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר אַייעֶר מַאן וֶועל אִיךְ אִים שְׁרַייבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס צוּ לֶערְנֶען וֶוען דִי כּוֹלְלִים זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִין דַיין נָאמֶען, אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דַיינֶע לִימוּדִים, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי כּוֹלֵל אִיז פַארְמַאכְט, וָואס דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אִין אָנְהוֹיבּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ גְמָרָא; דִי צְוֵויי לִימוּדִים הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סְגוּלָה. מִשְׁנַיוֹת אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בַּאקוּמְט אַ שֵׂכֶל הַיָשָׁר, דֶער מֹחַ וֶוערְט מְיוּשָׁב, מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן. אוּן גְמָרָא הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פְּלַייסְן אִין דִי צְוֵויי לִימוּדִים; זֶע צוּ זָאגְן לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אִינְגַאנְצְן מְשַׁנֶה זַיין מִן הַקָצֶה אֶל הַקָצֶה, עֶס וֶועט דִיר אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן, ״מִשְׁנָה״ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ״מְשַׁנֶה״; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנַיוֹת

שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶר אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא; אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ הָאבְּן אִינֶעם דַף הַיוֹמִי, נָאכְדֶעם אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, זָאלְסְט נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער חַזֶר'ן מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָא אוֹתִיוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, עֶר וֶועט אַלֶעס לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין נַ"ךְ, אִין תּוֹסֶפְתָּא, אִין מֶדְרָשִׁים אוּן אִין זוֹהַר וְכוּ', וְכוּ', אָן קַיין פְּרֶעשׁוּר; וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערִיגֶע צַייט כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ לִימוּד אוּן נָאךְ אַפָּאר שׁוּרוֹת וְכוּ'.

זֵיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זִי זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן וְכוּ'; בִּזְכוּת וָואס זִי פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמוּנָה פַאר אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, זִי אִיז מְחַזֵק פְרוֹיעֶן אִין מֵיידְלֶעךְ - וֶועט זִי הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע לֵידָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ גֶעדֶענְקְסְט מִיר פוּן יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען גוּטֶע פְרַיינְט, דוּ בִּיסְט אֲפִילוּ גֶעשְׁלָאפְן בַּיי מִיר אוּן גֶעגֶעסְן בַּיי מִיר.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם עֵירוּב אִין קִרְיַת

בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר דֶעם; אִין דֶעם זְכוּת זָאל דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶעס גוּטְס, וִימַלֵּא ה׳ כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבְּךָ לְטוֹבָה.

...

**גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פַארְלִיר נִישְׁט דַיין מוּט.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר; שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס מֶען דַארְף זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט, אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר; אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ גוּט, דוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר אוּן אִיךְ וִויל דִיר לָאזְן וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָה מט, טו) קֶען דֶען אַ מַאמֶע פַארְגֶעסְן פוּן אִיר קִינְד? דָאס קֶען אוֹיךְ זַיין אַז אַ מַאמֶע זָאל פַארְגֶעסְן פוּן אִיר קִינְד, אָבֶּער "וְאָנֹכִי לֹא אֶשְׁכָּחֵךְ", אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן עֶנְק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ זִיצְן אַסַאךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען גֵייט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, מֶען זִיצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה טָאג אוּן נַאכְט, נַאכְט אוּן טָאג - אָן אוֹיפְהֶער, עֶס אִיז אֵיין לַאנְגֶע קֵייט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן. גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, זֶע אַז דִי קָארָאנֶע זָאל דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. זֶע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין רוּאִיג אוּן גֶעדוּלְדִיג, בִּפְרַט צוּ אִיר; וֶוען דַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּ דִיר, זִי בֶּעט דִיר, זִי זָאגְט דִיר, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט אַ שְׁטֶעךְ וָוארְט אָדֶער טְשֶׁעפֶּען; אַז דוּ וֶועסְט אִיר פַארְלִירְן וֶועט זַיין גָאר בִּיטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר מִיט אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען קֶען נָאר בֶּעטְן: הָאבּ שֵׂכֶל, אוּן הָאבּ הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט דִיר בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַ מַתָּנָה, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען פַאר דֶעם אוּן דָאס הַאלְטְן טֵייעֶר.

זִיץ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְצְן צַייט; דוּ בִּיסְט מְחוּיָבּ אַרוֹיסְצוּגֵיין אַבִּיסְל; אֱמֶת טַאקֶע, מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן וְכוּ׳, אָבֶּער זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג דָאס אִיז

דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אוֹיבּ דֶער מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִין אַ סַכָּנָה. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יח, יד): "רוּחַ אִישׁ יְכַלְכֵּל מַחֲלֵהוּ", אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ אוֹיפְגֶעלֵייגְטֶע מוּט – קֶען פַארְנֶעמֶען אַלֶע קְרֶענְק, עֶס הַרְגְ'ט אִים נִישְׁט, "וְרוּחַ נְכֵאָה מִי יִשָּׂאֶנָּה?" אָבֶּער אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ אָן קַיין מוּט וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרִיבֶּערְטְרָאגְן דִי קְרֶענְק; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ יֶעצְט בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בַּאקוּמֶען קָארָאנֶע אָבֶּער זֵייעֶר פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן גוּטְמוּטִיגְקֵייט לָאזְט זֵיי נִישְׁט פַאלְן, זֵיי גֵייעֶן אָן מִיט'ן לֶעבְּן, זֵיי דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן פְּרוּבִּירְן עוֹסֵק צוּ זַיין מִיט וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס לָאזְן זִיךְ נָאךְ, זֵיי זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, דָאס אַלֵיינְס וַוארְפְט זֵיי אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער ..., גֵיי אַבִּיסְל אַרוֹיס שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָה מ, כו): "שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה", הֵייבְּט אוֹיף אַייעֶרֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן קוּקְט וֶוער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי אַלֶע זַאכְן, דִי זוּן, דִי לְבָנָה אוּן דִי שְׁטֶערְנְס; עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, וָואס אִיז דָא צוּ זָארְגְן?

הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט הֶערְן עֶפֶּעס פוּן דִיר; זֶען אַ בְּרִיווּ פוּן דִיר, זֶען דַיין מַצָּב רוּחַ, דַיין מוּט. אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ עֶסְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ טְרִינְקְסְט אַבִּיסְל תְּהִילִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

קוּם צוּרִיק צוּ מִיר אוּן אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט רַחְמָנָא לִצְלָן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין,

שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוּיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין"; וַוייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת קֶען עֶר נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ, רֶמֶז תקלב): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ב): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ; אָדָם עוֹמֵד וּמְחָרֵף וּמְגַדֵּף בַּשּׁוּק וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה תְּשׁוּבָה בֵּינִי לְבֵינְךָ וַאֲנִי מְקַבֶּלְךָ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחָרֵף וּמְגַדֵּף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "טוּ תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ וֶועל דִיר מוֹחֵל זַיין"; אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבֵירָה וִוי רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים לֶעסְטֶערְן? דָאס אִיז דָאךְ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט! מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "קוּם צוּרִיק צוּ מִיר אוּן אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", אוּן נִישְׁט נָאר אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים נָאךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תְּהִילִים, מִזְמוֹר יח): "כָּל הָעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה מֵעֲבֵרָה שֶׁבְּיָדוֹ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹסִיף לוֹ כָּבוֹד, וְקוֹרֵא לוֹ שֵׁם חָבִיב".

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ גֵייען אִין מִקְוֶה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת סְפִירַת הָעֹמֶר, חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "בְּיוֹתֵר צָרִיךְ לְהִזָּהֵר לִטְבֹּל לְקֶרְיוֹ בִּימֵי עֹמֶר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ קוּמְסְט אִינְדֶערְפְרִי צוּם שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הֲנָאָה, וַוייל עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה צוּ זַיין שְׁטַארְק מִיטְ'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא.

אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט

גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִיז עֶפֶּעס גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן מְתַקֵן דֶעם מֶענְטְש.

חוּץ מִזֶה זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס - גֵיין כְּסִדְרָן דַפִּים גְמָרָא.

זַיי שְׁטַארְק אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זָאלְסְט נִישְׁט מֵקִיל זַיין אִין דֶעם, אֲפִילוּ יֶעצְט בִּזְמַן הַקָארָאנֶע זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוֹיף דֶעם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

מֶען דארְף זִיךְ אָנְהוֹיבְּן גְרֵייטְן אוֹיף אוּמַאן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר,

אַ גְרוֹיסְן יַיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נָאכְאַמָאל הָאבְּן דִי זְכוּת מִיר צוּ הֶעלְפְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אָנְצוּהֵייבְּן פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן.

יֶעצְט וֶוען אַלֶעס אִיז פַארְשְׁפַּארְט, יֶעדֶער אִיז דֶערְשְׁרָאקְן - אִיז דִי פַּאסִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען קַיין אוּמַאן נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט אָפְּן דֶעם: "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת", מֶען זֶעט דֶעם: "וְעַל הַמְּדִינוֹת בּוֹ יֵאָמֵר אֵיזוֹ לְחֶרֶב ... וְאֵיזוֹ לְרָעָב".

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרֵייזְן; לָאז אַלֶעס אַזוֹי וִוי פַארְיָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין: "תִּכְלֶה קִלְלוֹתֶיהָ", דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְלוֹת זָאלְן שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין, עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאדְטְן פַאר קֵיינֶעם.

אַז דִי תַּלְמִידִים הֵייבְּן זִיךְ אָן אַיינְצוּשְׁרַייבְּן אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין, וַוייל אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן אַלְטֶע חוֹבוֹת אוּן אוֹיךְ דַארְפְן מִיר בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶע וַואסֶער בַּאסֵיין, עֶס זָאל זַיין גֶענוּג וַואסֶער פַאר יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**מַאךְ אַ פְּלַאן וֶוען דֶער גוֹרָל וֶועט פָארְקוּמֶען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ וֵוייסְט וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה, אַן אֵשֶׁת חַיִל פוּן הִימֶל; דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ הַאלְטְן טַייעֶר דִי מַתָּנָה אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ דִי גוֹרָל רַאפֶּעל וְכוּ׳; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל מַאכְן דֶעם גוֹרָל, אַז מֶען מַאכְט אַ רַאפֶּעל דַארְף מֶען מַאכְן דֶעם גוֹרָל, מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם אָפְּשְׁטוּפְּן, מֶען דַארְף מְקַיֵים זַיין וָואס מֶען הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן וֶוער עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶער גֶעוִוינֶער דֶער וֶועט בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט.

בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ אַ פְּלַאן וֶוען דֶער גוֹרָל וֶועט פָארְקוּמֶען, וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג וִוילַאנְג מִיר וֶועלְן דָאס מְקַיֵים זַיין.

קוּק זִיךְ אוּם אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג מִיט עֶלְטֶערְן, צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז גוּט מִיט זֵיי.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**בָּרוּךְ ה׳ אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר,**

**מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב הוּא יִגְמָלְךָ כָּל טוֹב סֶלָה!**

הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ אַז דוּ שְׁפִּירְסְט שׁוֹין גוּט, דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בִּזְכוּת דִי אַלֶעס חֲסָדִים; דִי צְדָקָה אוּן גְּמִילוּת חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט טָאג אוּן נַאכְט.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן זָארְגְן פַאר מִיר אוּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף קִמְחָא דְפִסְחָא, אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶסְן; דִי פִּישׁ אוּן פְלֵייש, אֵייעֶר אוּן וַויין וְכוּ', וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): פִּ'זַר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים אִיז אַ סְגוּלָה פַאר חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת ה' יְרַחֵם.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ הָאבְן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פוּס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן א) אַז דָאס אִיז אַ רְפוּאָה פַאר חוֹלִי כְּאֵב רַגְלַיִם, פוּס וֵוייטָאג.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מְ'הֶעלְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ',

אִיךְ הָאףְ אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג אִין אָפִּיס; אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף. אוֹיבּ דַארְף מֶען מְסַדֵר זַיין זַאכְן, מֶען דַארְף מַיין הִילְף - זַייטְס מִיר מוֹדִיעַ, וַוייל פַאר מִיר אִיז אַ זְכוּת יֶעדְן טָאג וָואס מֶען קֶען נָאךְ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר זִיךְ, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַוֶועק צוּ לֵייגְן פַאר זִיךְ, קוֹיפְן פַאר זִיךְ אוּן בּוֹיעֶן פַאר זִיךְ; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, וַוייל פְּלוּצְלִינְג אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן, קוֹיפְן, מַאכְן, טוּן - קוּמְט דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן דָא פַאר פְרֶעמְדֶע אוּן 'מֶען גֵייט, מֶען גֵייט'... אַזוֹי פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ.

וֶוען מֶען הָאט דִי זְכִיָ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטְס, בִּפְרַט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, מוֹסְדוֹת וָואס וַוייזְן אַ וֶועג פַאר אַנְדֶערֶע וִוי צוּ לֶערְנֶען, מוֹסְדוֹת וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה - דָאס בְּלַייבְּט, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

אַז מ׳דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אִין גַּן עֵדֶן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בֶּעטְן אוּן קָאוּטְשׁ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאצָאלְן בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; שְׁטַארְקְט אַייךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט עֶנְק. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּב מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה נִיגוּנִים פוּן הוֹדָאָה, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ״טוֹב ה׳ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו״, אָדֶער: ״יוֹדוּ לַה׳ חַסְדּוֹ״, אָדֶער: ״הַכֹּל יוֹדוּךָ״; נִיגוּנִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין ״גַּן עֵדֶן״; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא״, וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט דֶעם עוֹלָם הַבָּא, ״כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר״, וַוייל וִוי מֶער מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר״, אַלְץ נֶענְטֶער אִיז מֶען צוּ אִים.

אִיךְ וִויל אַז דַיין מִצְוָה אִין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין הַכְנָסַת אוֹרְחִים; יֶעדְן שַׁבָּת זָאלְסְטוּ קוּקְן אִין שׁוּל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעסְט אוּן זֵיי מְסַדֵּר זַיין בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ עֶסְן, בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִזְמַן לִזְמַן זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ עֶסְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.

...

**קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוען דוּ הֶעלְפְסְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, דוּ טֵיילְסְט אוֹיס דָאס עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַלֶעס אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן אַלֶעס, זֵיי כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע אָטֶעם פוּן דִי מְלַמְּדִים; מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אַז אַלֶעס זָאל זַיין מִיט אַ תְּמִימוּת, אָן קַיין לֵיצָנוּת.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וועלְט, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס; דָאס וֶועט אוּנְז בְּלַייבְּן פַאר אַ זְכוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. בִּיז דֶערְוַוייל זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַלֶעס לָאזְט מֶען דָא אִיבֶּער, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיבְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטֶעטְל; מֶען דַארְף עֶנְדִיגְן דֶעם עֵירוּב, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַרְבֶּעט צוּ עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה, דִי אָפִּיסֶעס אוּן דֶעם בֵּית הַדְּפוּס.

גֶעדֶענְק, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר טוּעֶן צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה, אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן אוּנְז, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז צֵייטְוַוייליגֶע זַאכְן.

יֶעצְט וֶוען דִי וֶועלְט שָׁאקְלְט זִיךְ מִיט "קָארָאנֶע" קֶענְסְטוּ זֶען וָואס דִי גַאנְצֶע מֶענְטְשֶׁעלֶע אִיז; "אָט אִיז מֶען דָא, אָט אִיז מֶען אִין בֵּית הַחַיִּים", מֶען גֵייט אִין בֵּית הַחַיִּים אַלֵיינְס, נַאקֶעט אַלֵיינְס; דִי גֶעלְט, דִי הַייזֶער, דִי קַארְ'ס - אַלֶעס לָאזְט מֶען אִיבֶּער, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט - דָאס נֶעמְט מֶען

מִיט.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵד.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּב'עֶר מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אַ מְלַמֵד אִיז אִין הִימְל גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר אִיז דָא, דָארְטְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵד פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ דָאס חַזֶר'ן אוּן חַזֶר'ן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק.

קֶענְסְט דָאס צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָפְּדְרוּקְן אַלְס אַ קוּנְטְרֶס חִיזוּק פַּאר מְלַמְדִים אוּן דָאס גֶעבְּן פַּאר אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן אַחְרַיוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵד.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב אוּן מִקְוָה טָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל; גֶעדֶענְק אַז צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת אִיז אַ זְכוּת לְנֵצַח נְצָחִים.

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאבְרֵךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, זֵיי וֶועלְן דִיר וַוייזְן וָואס מֶען דַארְף מַאכְן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטֶעטְל; מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דִי אָפִיסֶעס, דֶעם בֵּית הַדְפוּס אוּן נָאךְ.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...